געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת פקודי-החודש
תשפ"ה
גליון קל"ז
שנה ד'

## פרשת פקודי

### די הויכע כוונות פון מלאכת המשכן האט נאר בצלאל משיג געווען בזכות זיין זיידע חור

**ובצלאל בן אורי בן חור עשה את כל אשר צוה ה' את משה. ואתו אהליאב בן אחיסמך למטה דן חרש וחושב ורוקם בתכלת ובארגמן ובתולעת השני ובשש.** (לח, כב-כג)

פארוואס טיילט די תורה אפ בצלאל און אהליאב באזונדער, און ער שרייבט זיי נישט צוזאמען? און בפרט איז שווער, פארוואס שטייט ביי יעדעם איינעם פון זיי אן אנדערע לשון, ביי בצלאל שטייט אז ער האט געטון **"את כל אשר צוה ה' את משה"**, און ביי אהליאב שטייט אז ער האט געטון אלע ערליי מייסטער ארבעט, האבן זיי נישט געארבעט אינאיינעם?

נאר די עבודת המשכן האט געהאט צוויי חלקים, איין חלק איז געווען די טעכנישע ארבעט, מען האט געמאכט כלים און בגדים, אבער בנוסף צו דעם האט מען געדארפט מכוון זיין גאר הויכע כוונות בשעת די ארבעט, ווייל אלע זאכן פונעם משכן דא אונטן איז דאך מכוון קעגן די משכן של מעלה אין די עולמות עליונים (עי' שמו"ר לג, ד).

איז בנוגע די טעכנישע פאך - הגם דאס האט אויך געדארפט האבן "חכמי לב" - האט מען אבער נישט געדארפט זיין קיין ספעציעלע בעל השגה זוכה צו זיין דערצו. משא"כ דער חלק צו קענען מכוון זיין ביי יעדע כלי און ביי יעדע בגד די הויכע כוונות לויט וויאזוי דאס לייכט אויבן אין הימל, דאס האט נישט יעדער געקענט משיג זיין, נאר ווער עס האט א ספעציעלע זכות. און נאר בצלאל האט זוכה געווען צו דעם, ווייל דער מדרש זאגט (שמו"ר מח, ג) אז ווען מען האט געמאכט די עגל האט חור מוחה געווען און זיך אנגענומען פאר כבוד שמים, און די רשעים האבן אים גע'הרג'עט. און ווייל ער האט זיך מוסר נפש פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד, האט דער אויבערשטער אים צוגעזאגט אז עס וועט ארויסקומען פון אים גאר הייליגע קינדער.

וועגן דעם טיילט דער פסוק אפ און זאגט: **"ובצלאל בן אורי בן חור"** ווייל בצלאל איז געווען אן אייניקל פון חור, האט ער זוכה געווען משיג צו זיין די הויכע כוונות פון מלאכת המשכן, און ער האט געטון **"את כל אשר צוה ה' את משה"** פונקט וואס דער אויבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו אז מען זאל מאכן דעם משכן "בתבניתם אשר אתה מָרְאֶה בהר" דאס הייסט פונקט ווי דאס קוקט אויס אויבן אין הימל מיט העכערע אורות. און אזוי האט בצלאל ממשיך געווען אויפן משכן א שפע פון קדושה אז דאס זאל זיין ראוי צו השראת השכינה.

אבער **"ואתו אהליאב בן אחיסמך"** דאס הייסט אהליאב איז נאר געווען צוזאמען מיט בצלאל אין דעם חלק פון **"חרש וחושב ורוקם בתכלת ובארגמן"** צו טון די טעכנישע ארבעט. אבער אינעם חלק פון אינזין האבן די הויכע כוונות האט אהליאב נישט געהאט קיין שייכות, ווייל אהליאב האט נישט געקענט משיג זיין די העכערע כוונות, און דאס האט נאר בצלאל אליינס געטון.

### יעדע ככר בפרטות ווערט גערעכנט ווי 100 ככר פון די 'כללות האדנים' ממילא הייסט עס כאילו די אידן האבן געגעבן צען טויזנט ככר פאר כופר נפש

**ויהי מאת ככר הכסף לצקת את אדני הקודש ואת אדני הפרוכת מאת אדנים למאת הככר ככר לאדן.** (לח, כז)

די ווערטער **"למאת הככר ככר לָאָדֶן"** זעט אויס איבעריג, ווייל דער פסוק זאגט דאך שוין אז פון די **הונדערט ככר** האט מען געמאכט **הונדערט אדנים?**

קען מען זאגן, לויט ווי די גמרא זאגט (מגילה טז.) אז המן האט פארגעשלאגן פאר אחשורוש "עשרת אלפים ככר כסף" צו הרג'ענען די אידן. זאגט דארט תוספות (ד"ה ודחי) **אז עשרת אלפים ככר כסף** קומט אויס א האלבע שקל קעגן יעדע איד, ווייל ביי יציאת מצרים זענען די אידן געווען זעקס הונדערט טויזנט מענער צווישן צוואנציג און זעכציג, און דער אויבערשטער האט זיי געהייסן געבן א מחצית השקל פאר כופר נפש, איז המן געקומען און געגעבן פאר אחשורוש די פולע סומע מבטל צו זיין זייער כופר נפש.

פרעגן שוין די מפרשים אז דער חשבון שטימט נישט, ווייל א ככר איז דאך 3000 שקלים, און 600,000 מאל א האלבע שקל קומט אויס 300,000 שקל - דאס איז **הונדערט** ככר, און המן האט געגעבן **צען טויזנט** ככר וואס דאס איז דאך הונדערט מאל אזויפיל?!

קען מען ענטפערן, ווייל עס איז באוואוסט די שאלה וואס א מין האט געפרעגט פון רבי יהושע בן קרחה (ויקרא רבה ד, ו) אז אין די תורה שטייט דאך "אחרי רבים להטות", און אויף די וועלט זענען דאך רוב גוים, איז פארוואס גייען נישט די אידן נאך רוב? און רבי יהושע בן קרחה האט געענטפערט, אז ביי יעקב'ס קינדער שטייט "נפש" בלשון יחיד, ווייל אלע אידן זענען ווי איינס, אלע גלייבן נאר אין איין באשעפער, משא"כ ביי עשו'ס קינדער שטייט "נפשות" בלשון רבים, ווייל די גוים גלייבט יעדער אין אן אנדערע אפגאט, ממילא זענען זיי נישט רוב, ווייל יעדער איינער האלט אנדערש פון די צווייטע.

די טיפקייט פונעם תירוץ איז, אז ווייל כלל ישראל האלט זיך ווי איינס, קומט אויס אז יעדער איד ווערט גערעכנט סיי אלס א **פרט** און סיי אלס א חלק פונעם **כלל**, ווייל אלע אידן זענען דאך געבונדן אינאיינעם, ממילא האט יעדער איינער א חלק אין אלע אידן. און אין די תורה שטייט (במדבר כו, לו) "כי אתם המעט מכל העמים", זאגט דארט רש"י אז "המעט" מיינט צו זאגן **ה' מעט** - פינף ווייניגער ווי אלע אנדערע פעלקער, ווייל אלע פעלקער זענען 70, און ביי די אידן ווערט

דארט געציילט 65 הויפט משפחות. אבער אויב ביי כלל ישראל ווערט יעדער יחיד נחשב אויך אלס א חלק פונעם כלל, קומט דאך אויס אז די אידן האבן 65 מאל 65 הויפט משפחות, משא"כ די גוים זענען ס"ה נאר 70 משפחות, ממילא זענען אונז טאקע די רוב.

לויט דעם קען מען מסביר זיין וואס דער פסוק זאגט דא **"מאת אדנים למאת הככר ככר לאדן"** ווייל היות אז ביי יעדע דבר שבקדושה זענען אלע פרטים געבונדן ווי איינס, קומט אויס אז אלע 100 אדנים זענען דאך ווי איין גאנצע זאך, און אויב אזוי רעכנט זיך דאך יעדע פרט אויך ווי א חלק פונעם כלל. ממילא קומט אויס אז יעדע "אדן" רעכנט זיך ווי 100 אדנים, ווייל ער איז דאך איינס פון א שלימות פון 100 אדנים. און דאס קומט דער פסוק מדייק זיין: **"ויהי מאת ככר הכסף לצקת את אדני הקודש ואת אדני הפרוכת מאת אדנים"** אז פון די 100 ככר כסף האט מען געמאכט 100 אדנים. לייגט דער פסוק צו: **"למאת הככר - ככר לאדן"** אז יעדע איינציגע **ככר** פון יעדע **אדן** ווערט למעשה גערעכנט כאילו ווי ער אליינס איז **"מאת ככר"**, ווייל ביי א דבר שבקדושה ווערט יעדע פרט גערעכנט ווי א חלק פונעם גאנצן שלימות.

און היות אז די אדנים האט מען געמאכט פון די מחצית השקל וואס די אידן האבן געברענגט "לכפר על נפשותיכם", אויב אזוי ווערט גערעכנט כאילו די כופר נפש דערגרייכט א צאל פון 100 מאל 100 ככר, וואס דאס איז פונקט דער סכום פון "עשרת אלפים ככר כסף" 100 מאל 100 ככר.

אויב אזוי שטימט שוין תוספות זייער גוט, אז המן האט געגעבן פאר אחשורוש "עשרת אלפים ככר כסף" קעגן די מחצית השקל פון כלל ישראל, ווייל אמת אז בפועל האבן די אידן געגעבן 600,000 האלבע שקלים וואס דאס איז נאר 100 ככר, אבער וויבאלד די אידן זענען דאך א **כללות** וואו יעדער איינער איז א חלק פונעם גאנצן שלימות, קומט אויס אז למעשה רעכנט מען די 100 ככר פאר 100 מאל אזויפיל וואס דאס איז פונקט 10,000 ככר כסף.

## החודש

**חודש ניסן וואס די מצרים האבן געהאלטן פאר זייער גרעסטע חשיבות איז געווארן פאר די גרעסטע חשיבות פון כלל ישראל**

**החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה.** (שמות יב, ב)

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס וויל די תורה מדגיש זיין מיט "לכם" אז דאס איז ספעציעל פאר די אידן?

נאר דער בעל ההגדה דרש'נט: "ויתנו עלינו עבודה קשה, כמה שנאמר; ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך". ווערט געברענגט (עי' פי' הריטב"א על 'ונצעק אל ה' אלקי אבותינו') אז די **עבודה קשה** וואס די מצרים האבן ארויפגעלייגט אויף די אידן מיינט, אז די מצרים האבן זיי געמאכט דינען **עבודה זרה.** וועגן דעם זאגט דער בעל ההגדה, כמה שנאמר: **"ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך"**, וואס די ראשי תיבות פון א'ת ב'ני י'שראל ב'פרך איז "אביב", דאס איז מרמז אויף **מזל טלה** וואס ווערט אנגערופן "אביב" ווייל ער איז "אב י"ב" דער הויפט פון אלע 12 מזלות, וואס מזל "טלה" איז געווען די ע"ז פון מצרים ווייל זיי האבן געזאגט אז דער ערשטער מזל האט די כח איבער אלע מזלות. זעט מען פון דעם, אז די "עבודה קשה" וואס די מצרים האבן ארויפגעלייגט אויף די אידן איז געווען צו דינען צו מזל טלה - דער אב י"ב - דער הויפט פון אלע 12 מזלות.

אבער ביי יציאת מצרים האט דער אויבערשטער צובראכן דעם ע"ז, ער האט גע'הרג'עט זייערע בכורים ווייל זיי האבן געדינט מזל טלה ווייל ער איז **דער בכור** פון אלע מזלות, און דער אויבערשטער געהייסן שחט'ן א שה פאר א קרבן פסח צו ווייזן אז מזל טלה האט נישט קיין שום כח. און אזוי האט דער אויבערשטער איבערגעדרייט חודש "אביב" לטובת כלל ישראל אז ניסן איז **אָב י"ב** חדשים, און דער צירוף פונעם שם הוי"ה פון חודש ניסן איז י'שמחו ה'שמים ו'תגל ה'ארץ - שם הוי"ה כסדרן, וואס ווייזט אויף די גרעסטע מידת הרחמים.

וועגן דעם זאגט דער אויבערשטער פאר די אידן: **"החודש הזה לכם ראש חדשים"**, דער חודש, וואס די מצרים האבן געהאלטן פאר **זייער** שטערקסטע חודש אלס מזל טלה וואס איז ראש למזלות, איז פון יעצט אן **"לכם"** פאר ענק אידן. **"ראשון הוא לכם לחדשי השנה"** דער חודש איז **אב י"ב** - דער ראש פון אלע 12 צירופי הוי"ה, אין דעם חודש לייכט דער **שם הוי"ה כסדרן** וואס ווייזט אויף די גרעסטע מידת הרחמים **פאר ענק אידן.**

און א ראיה האסטו אז די חשיבות פון דעם חודש האט זיך איבערגעדרייט לטובת די אידן, ווייל **"בעשור לחודש הזה ויקחו להם איש שה לבית אבות"** דייקא אינעם חודש פון **מזל טלה** זאלן ענק נעמען א **שה** - די מצריי'שע אפגאט, און שחט'ן ווען דער מזל איז אינעם שטערקסטן קראפט, וועלן ענק זען אז הגם בדרך הטבע וואלטן די מצרים געדארפט האבן די גרעסטע הצלחה אין דעם חודש, איז זייער כח בטל ומבוטל! און די גרויסקייט פון דעם חודש איז נאר **"לכם"** לטובת די אידן, אז אין דעם חודש שיינט די גרעסטע מידת הרחמים פאר כלל ישראל.

**הגש"פ 'ברכת השיר' - פיסקא 'ויתנו עלינו עבודה קשה**

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

משפחת **ראזענפעלד** שיחי'
לע"נ אביהם הרה"ח בנש"ק **אפרים**
בן הר"ר **חנני' יום טוב ליפא** ז"ל

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זצ"ל
יהא זכר ועילו לנשמתו